## יציאת צדיק מן העיר עושה רושם . . .

ווער עס פאַרטיפט זיך אין דער לעבענס־געשיכטע פון מלבי״ם וועט אַנטדעקן אַ מאָדנעם פּאַראַדאָקס: פון איין זייט איז דאָס קאַפּיטל ,,בוקאַרעשט״ געווען איינע פון די טרויעריקסטע און טראַגישסטע אין זיין שווער פאַרביטערט לעבן. פון דער אַנדערער זייט איז בוקארעשט געווען דער איינציקער פלאַץ פון אַלע זיינע וואַנדער־סטאַציעס וואו זיין אַנדענק איז אויפגעהיטן געוואָרן און געבליבן פילבאַר פאַר לאַנגע יאָרן און אפילו אין אַ געוויסער מאָס ביזן היינטיקן טאָג.

דער שרייבער פון די שורות איז געקומען קיין בוקאַרעשט מיט 50 יאָר צוריק, בערך 50 יאָר נאָך די פּטירה פון מלבי״ם. ווען איך בין דאָרט אָנגעקומען איז נישט געווען כמעט קיינער וואָס האָט נאָך פּערזענליך געקענט דעם מלבי״ם. ס׳איז מיר אויך נישט געווען באַקאַנט צי ער האָט מיט אימיצן קאָרעספּאָנדירט נאָך זיין פאַרלאָזן די שטאָט.

און דאָך האָט מען אין שטאָט גאָר אָפּט דערמאַנט זיין נאָמען מיט גרויס פּיעטעט און יראת הכבוד. אַ סך אידן אין בוקאַרעשט האָבן זיך געגרויסט דערמיט, אַז זייערע עלטערן זענען געווען צווישן די מקורבים און אָנהענגער פון מלבי״ם. איך האָב געהאַט אַ פּערזענלעכן פריינט, אַן אָנגעזעהענער פּראָפעסיאָנאַל וואָס האָט געהאַט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלן חינוך און געווען אַ שומר תורה ומצוות כל זמן ער איז געווען אין זיין עלטערן־הויז. נאָכדעם ווי ער איז אַוועק שטודירן קיין אויסלאַנד, איז ער מיטגעריסן געוואָרן מיטן וועלטליך־נאַציאָנאַליסטישן שטראָם און זיך דערווייטערט פון תורה־לעבן. אָבער ער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן שטאָלץ דערמיט, וואָס ער איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון דער משפחה פון ר׳ יואל שוחט, דער שו״ב פון מלבי״ם. פילע יאָרן שפּעטער איז מיין פריינט צוריק געוואָרן אַ מניח תפילין און שומר מצוות און מיר איז נישט קיין ספק, אַז אַ גרויסער גורם אין זיין תשובה טאָן איז געווען אָט דער שטאָלץ מיט געהערן צו א משפחה וואָס איז געווען אַזוי נאָענט צום מלבי״ם.

## דער בית הכנסת פון מלבי״ם

און דער עיקר, איז נאָך אין מיין צייט געווען טעטיק (און נאָך אפילו היינט) דער בית הכנסת אויפן נאָמען פון מלבי״ם, וועלכער איז געווען אַ אידישקייט־צענטער אין דער רומענישער הויפּט־שטאָט.

פאַרן חורבן האָבן אין בוקאַרעשט געלעבט בערך הונדערט טויזנט אידן. אַ היבשער טייל פון זיי זענען דורך די יאָרן מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון אַסימילאַציע אָדער וועלטלעכקייט, אָבער עס זענען נאָך אַלץ פאַרבליבן פיל שומרי תורה ומצוה. די דאָזיקע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום אַ צאָל שולן וואָס די שול אויפן נאָמען פון מלבי״ם איז געווען די גרעסטע און אָנגעזעענסטע.

די מלבי״ם שול האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט וואָס זי איז געווען אין האַרץ פון אידישן צענטער אין בוקאַרעשט און אויך מיט איר רחבות. אין די ימים נוראים, גלויב איך, האָבן דאָרט געדאַוונט העכער טויזנט מענשען אַחוץ די פרויען אין ,,עזרת נשים״. אפילו אין אַ געוויינלעכן אָוונט נאָך דער אַרבעט, האָט מען דאָרט צו מנחה־מעריב געקענט טרעפן מערערע הונדערטער אידן. ניט נאָר בוקאַרעשטער אידן נאָר אויך פרומע אידן פון גאַנצן לאַנד וואָס פלעגן קומען קיין בוקאַרעשט פאַר מסחר וכדומה, איז פאַר זיי די מלבי״ם שול געווען אַ הויפּט־אַדרעס. ווען אַ איד האָט געזוכט אַ מנין, פון פרימאָרגן ביז מיטאָג, אָדער אין די פריע און שפּעטערע אָוונט שעה׳ן, איז ער דערמיט געווען זיכער אין דער מלבי״ם שול.

אין דער מלבי״ם שול האָט מען שטרענג אָפּגעהיטן די מסורה פון די אַמאָליקע יאָרן. ניט געווען דאָרט קיין חזנים, נאָר ,,אַלט־מאָדישע״ בעלי תפילה מיט בערד און טראַדיציאָנעלן לבוש. פאַר לאַנגע יאָרן איז דאָרט דער בעל תפילה געווען ר׳ ישראל שעכטער און דער מוהל ר׳ חיים לייב איציקזאָן. מען האָט דאָרטן אויך געלערנט אַ גאַנצן טאָג און ר׳ יואל חרן, איינער פון די זקני ת״ח פון בוקאַרעשט האָט דאָרט פאָרגעלערנט משניות פאַר צענדליקער יאָרן. דער אַלטער שמש ר׳ הערשל וועלכער איז געווען דער משמש בקודש פאַר 60 יאָר איז געווען אַ איד אַ תמים, וועמען פיל בוקאַרעשטער אידן האָבן באַטראַכט ווי איינעם פון די ל״ו צדיקים נסתרים פון דור.

ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, האָט די מלבי״ם שול קיינמאָל נישט אויפגענומען קיין רב. ס׳איז אָנגענומען, אַז די מתפללים פון דער שול, האָבן דאָס געטאָן, כדי אָפּצוהיטען דעם כבוד פון מלבי״ם אין זין ,,על כסאו לא ישב זר״ . . .

## דער נס אינם שול פון מלבי״ם

כדאי צום סוף צו דערמאַנען, אַ נס, וואָס האָט פּאַסירט אין די חורבן־יאָרן טאַקע אין דער מלבי״ם שול.

אין אלול ת״ש ווען דער קעניג קארל האָט אַבדיקירט פון טראָן, האָט די מאַכט איבערגענומען די טרויריק־באַרימטע ,,אייזערנע גוואַרדיע״ אונטער דער פירערשאַפט פון גענעראַל (שפּעטער מארשאל) אַנטאָנעסקו. די כוליגאַנעס פון דער ,,אייזערנע גוואַרדיע״ האָבן זיך באַלד גענומען צו רודפ׳ן אידן און בוקאַרעשטער אידן האָבן פון זיי געהאַט אויסצושטיין אַן אַ שיעור צרות. נאָר אַנטאָנעסקו אַליין, טראָץ זיין שנאת ישראל, האָט נאָך ווי־עס־איז פּרובירט צוימען די מיטגלידער פון זיין גוואַרדיע, דאָס איז נישט געווען ח״ו צוליב זיין אַנשטענדיקייט, נאָר ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַר אַנאַרכיע.

אָבער אין טבת תש״א האָט אַ טייל פון דער ,,אייזערנע גוואַרדיע״ רעוואָלטירט קעגן אַנטאָנעסקו און ביי דעם רעוואָלט נאָך מער אויסגעגאָסן זייער צאָרן אויף די אידן, הונדערטער אידן זיינען דערהרג׳עט געוואָרן אין יענע פּאָגראָמען. א צאָל שולן זענען אונטערגעצינדן געוואָרן צוזאַמען מיט פיל אידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען.

אַן ענלעכער גורל האָט דערוואַרט די אידן אין דער מלבי״ם שול. געווען זענען דאָרט אַ גרעסערע צאָל אידן ווען די פּאָגראָמשטשיקעס זענען אָנגעקומען און געשטעלט צו דער וואַנט די צעשראָקענט־פאַרזאַמעלטע אידן. אָבער איידער זיי האָבן זיך גענומען צו דער טרויעריקער מלאכה, האָבן זיי דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין שול און אין דעם שענקל פון ר׳ הערשל שמש געפונען אַ שופר, וואָס זיי האָבן מן הסתם קיינמאָל פריער נישט געזען. דער שופר האָט אינטריגירט די אָפיצירן און זיי האָבן פּרובירט מיט אים צו בלאָזן. אָבער זיי האָבן נישט געקענט. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי פּרובירט בלאָזן אָבער עס איז נישט אַרויסגעקומען קיין שום קלאַנג. אין זייער נייגעריקייט האָבן זיי זיך געפרעגט אויב אימיצער פון די אידן וועט ווייזן ווי אַזוי צו בלאָזן. איינער פון די אידן האָט גענומען דעם שופר און ווי נאָר יענער האָט אַרויסגעלאָזט אַ תקיעה, שברים און תרועה, האָבן די אָפיצירן זיך דערשראָקן. זיי אַליין האָבן פאַרלאָזן די שול און באַפוילן זייערע סאָלדאַטן זיך אָפּצוטראָגן. דער איד, וועלכער האָט דעמאָלט געבלאָזן שופר, האָט שפּעטער געזאָגט, אַז ווען ער האָט גענומען בלאָזן, האָט ער אינזינען געהאַט דעם פּסוק אין פּרשת בהעלותך וואו עס שטייט (במדבר י״־ט׳)): ,,**והרעותם בחצוצרות . . . ונושעתם מאויביכם**״.

די דאָזיקע וואונדערלעכע געשיכטע איז געווען באַקאַנט צו טויזנטער אידן, וואָס האָבן אין יענע שרעקלעכע טעג געלעבט אין בוקאַרעשט. אידן פון דער מלבי״ם שול האָבן דערויף געזאָגט: ,,**גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם . . .**״


# ,,בית מדרש גבוה״

בית מדרשו של
רבינו הגאון הרב ר׳ אהרן קוטלר זצוק״ל
לייקבוד, נ.דז.

הננו מתכבדים בזה להודיע לקהל הרחב ולצבור שוחרי ומוקירי תורה, כי ביום ראשון פ׳ וישלח, י״ב כסלו תש״מ (2 דעצעמבר, למספרם), — בשעה 5:30 בערב — יתקיים אי״ה

**הדינר המסורתי השנתי** ה־37 של ישיבתנו הקדושה
במלון ׳שרתון־סנטר׳, בשדרה השביעית — 52 סט., ניו־יורק.

השנה, יצויינו לשבח נציגים נבחרים מבין העסקנים, הורים של תלמידים ותלמידים לשעבר, מרחבי אמריקה המסמלים ומיצגים חלק מהמקומות הרבים בהם פועלת הישיבה והשפעתה ניכרת ומועילה.

פרס ״**יששכר וזבולון**״—**ר׳ משה אספרמס נ״י**, שיקאגו
פרס ״**תפארת בנים**״—**ר׳ יעקב ניומאן נ״י** , באלטימור
פרס ״**פרי עץ חיים**״— תלמיד ישיבתנו לשעבר
**הרה״ג ר׳ פנחס גרומאן שליט״א**, לאס־ענדזשעליס.

כל ידידי ״בי״מ גבוה״ וכל מכבדי ומוקירי שמו של מיסד הישיבה, רבינו הגר״א זצוק״ל, מוזמנים בזה להשתתף במסיבת מצוה זו, כדי לחלוק כבוד לתורה ולנושאי דגלה ולכבוד חתני הפרס הנכבדים.

**הנהלת הישיבה**

**בשביל הזמנות נא לטלפן:**
**(212) 594־6565**